אין יודישען לעבען.

דער ווארשאווער מאגיסטראט סובסידירט די יסודי התורה-חדרים און בית-יעקב שולען.

לויט דער איניציאטיוו פון ארטאדאקסישען ראטמאן ה׳ יעקב טראקענהיים האט דער ווארשאווער מאגיסטראט בעשטימט אַ סובסידיע פאר אלע געזעלשאפטליכע ארטאדאקסישע חדרים, און פאר די בית-יעקב שולען.

די צענטראל ראט זיצונג פון דער אגודת ישראל

וויען (איפב) דער ועד הפועל פון דער אלוועלטליכער אגודת ישראל, צוזאמען מיטן צענטראל ראט פרעזידיום האבען בעשלאסען צוזאמענצורופען די קומענדיגע צענטראל ראט זיצונג אויף י״ג—י״ד איר (27-28 אפריל) קיין בערלין.

סובסידיעס פונם קרן התורה

וו י ע ן (איפב) צוליעב פסח — האט די קרן התורה צענטראלע סובסודירט איבער 30 תורה-מוסדות. די לאנדעסארגאניזאציע פון שווייץ האט אָפגעשיקט אויף פסח קיין פוילען און ליטאַ צענדליגער קאסטענס מיט קליידער צו פארטיילען צווישען די ישיבה תלמידים. פון דער שווייץ איז אויך אפגעשיקט געווארען גרעסערע כומען פאר די ישיבות אין ווילנע, ווארשא, ראדין, נאָוואָגרודעק, לעמבערג, דייטשקרייץ א. א. וו. אויך די פראנצויזישע און האָלענדישע לאנדעסארגאניזאציעס האבען איבערגעשיקט אָנגעזעהנע סומען פאר די ישיבות אין פוילען און אין גאליציע. ביי א פורים חגיגה אין שטראסבורג האט די דאָרטיגע צעירי אגודת ישראל געזאמעלט עטליכע טויזענד פראנק פאר ישיבות, וועלכע זענען נאָך אויף פסח אָפגעשיקט געווארען.

נפטר געוואָרען דער עהרען פרעזידענט פון דער אגודת ישראָל אין אמעריקא מיט זיין פרוי

נ ו י - ו ר ק (איפב) א טראגישער פאל האט דאָ פאסירט, וועלכער האט ארויסגערופען א גרויסען טרויער צווישען דער יודישער בעפעלקערונג אין נויורק. כמעט דער עלטסטער רב אין נויורק, און איינער פון די גרעסטע למדנים הרב ד״ר הלל קליין איז נאָך שווערע ליידען זונטאג פאריגע וואָך נפטר געוואָרען. מיט צוויי טאג שפעטער איז אויך געשטארבען זיין פרוי, אן אייניקעל פון ר׳ שמשון רפאל הירש ז״ל. די פארעהרער פונם נפטר צוזאמען מיט די אוהב צדק מיטגליעדער, וואו ער איז געוועזן רב עטליכע צענדליג יאהרען, האבען באשלאסען אויף זיין נאָמען צו גרינדען א קאלאָניע אין ארץ ישראל „בית הלל“. תנצב״ה.

די לובלינער קהלה פארן קרן הישוב

ל ו ב ל י ן (איפב) ביים צוזאמענשטעלען דעם בודזשעט פארן יאהר 1926 האט די לובלינער קהלה, דאס ערשטע מאל בעשטימט, א סובסודיע פארן „קרן-הישוב“ נעמענדיג אין בעטראכט דעם שווערען קריזיס וואס הערשט אונטער די פוילישע יודען האבען זיי זיך בעגניגענט בלויז מיט 1000 זלאטעס.

לוקאוו

דאָנערשטאג דעם 1-טען טאג חוהמ״פ 9 אָוועגד, איז אין בית המדרש „חי-שרה“, ביי א גרויסע צאָהל מיטגלידער פאָרגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון „עזרת-החולים“.

געעפענט די פערזאמלונג האט דער פאָרז. פון דער געזעלשאַפט ה׳ פסח ראָזען, וועלכער בעמערקט גלייכצייטיג אז דאָס איז די ערשטע עפענטליכע פערזאמלונג נאכדעם ווי די געזעלשאפט איז לעגאליזירט געוואָרען און אנגעהויבען צו ארבייטען אין אייגענעם לאָקאל. דאן לעגט ער פאָר אויסצוועהלען אלס פאָרזיצענדער פון דער פערזאמלונג דעם לאווניק ה׳ מ. א. וויינטרויב, וועלכער ווערט איינשטימיג אויסגעוועהלט.

אלס אסעסאָרען ווערען צוגעבעטען די ח״ה: אָשר ראָזען און יוסף מענדיל ראכמאן, און אלס סעקרעטאר ה׳ מאיר גאכטראזשעוויטש.

דער פאָרזיצענדער לייענט פאָר דעם טאָג ארדנונג, וועלכער ווערט איינשטימיג אנגענומען. דאן טרעט מען צו צו בעטראַכטען דעם בעריכט פון פערגאנגענעם יאהר.

ה׳ פ. ראָזען לעגט פאָר דעם בעריכט, פון וועלכען ס׳ווייזט זיך ארויס אז במשך פון יאהר האט די געזעלשאַפט ענטוויקעלט א גרויסע טעטיגקייט, און געבראַכט אונגעהויערע נוצען פאר די אונפערמעגליכע יודישע בעפעלקערונג.

בעזונדערס וויכטיג איז געווען די ארבייט פון די איינשפריצונגען ביי קינדער געגען שקארלאטינא. די אויסגאבען טרעפען אן אריבער 8 טויזענד זל. א סומע וועלכע איז פאר אזא שטאדט ווי לוקאָוו אבעדייטענדע. און נישט קוקענדיג וואָס די געז. האט שטענדיג געארבייט מיט אַדעפיציט, האט זי דאך קיינעם נישט אבגעזאגט אין הילף.

דער בעריכט האט ארויסגערופען הייסע דעבאטען וועלכע זענען געווען כאראקטעריסטיש דערמיט, וואס אנשטאט צו קריטיקירען די פערוואלטונג, אז זי האט נישט ערפילט ווי געהעריג איהר אויפגאבע, ווענינ געארבייט אדער אבגעזאגט ווען ס׳איז אין א דאקטאר, רעצעפט אדער פפלעגע האט מען איהר גאר בעשולדיגט אז זי האט געהאט — צו אפענע אויערן ענטקעגען צו קומען יעדענס ביטע... צוליעב וואס זי האט זיך פערשאפען אדיפעציט פון העכער טויזענד זל.

צווישען די קריטיקער געפינט זיך אויך דער געוו. סעקרעטאר און פערוואלטונגס-מיטגליעד פון דער געזעלשאפט, ה׳ י. טיקולסקי, וועלכער וויל זיך אברעכענען מיט דער פערוואלטונג, און ערקלערט אז ער האט מיט דער פערוואלטונג פאר קיין פאל נישט געקענט צוזאמען ארבייטען, צוליעב (?) — — —

ה׳ שמואל ארי׳ ערקלערט די קריטיקער, אז אויב מיר ווייסען, אז אין בורקין למזונות, איז דאך אפשיטא איז אין בודקין לרעצעפטען...

אין דעם זין זאגען זיך אויך ארויס אנדערע רעדנער.

אין די דעבאטען נעהמען אנטייל די ה״ה: ב. ד. סקורנא י. טענענבוים ב. ד. לאנדסבערג פ. וויינבערג א. א.

אויף דער קריטיק ענטפערט אויך דער פארז. פון דער פערוו. ה׳ פ. ראזען, וועלכער ווייזט אן אז דער חוב פון „עזרת החולים“ איז ענטקעגען צו קומען די אלע אונפערמעגליכע, וועלכע נויטיגען זיך אין מעדיצינישע הילף, ובפרט דאן ווען ס׳האנדעלט זיך ביי ספנת-נפשות קען מען זיך נישט רעכענען מיט׳ן צייטווייליגען צושטאנד פון דער קאסע. מען מוז געבען און גלייכצייטיג שאפען. וועגען אבזאַגען זיך פון ה׳ טיקולסקין לעזט ער פאָר אבריעף פון לעצטען, פון וועלכען ס׳איז צו זעהן, אז דאס איז פארגעקומען בלויז צוליעב א פערזענליכע בעליידיגונג, און האט גאר קיין שייכות נישט מיט דער ארבייט גופא.

ה׳ טיקולסקי ענטפערט, אז ער האט טאקי באלד געוואוסט, אז ער וועט זיך נישט גערעכט מאכען ביי קיינעם...

דער פאָרז. ה׳ וויינטרויב רעזומירט די אלע רעדעס און שטעלט דערנאָך צום אָבשטימונג דעם פאָרשלאג פון מיטגליעד פון דער רעוויזיאנס-קאָמיסיע ה׳ שמואל משה לייבאוויטש, אויסצודריקען צוטרוי און א דאנק די פערוואלטונג פאר איהר ענערגישע טעטיגקייט, דער פאַרשלאג ווערט אנגענומען מיט אלע שטימען אויסער איינער.

מען טרעט צו צו בעטראכטען דעם בודזשעט אויפ׳ן קומענדען יאהר. נאך פערשידענע דיסקוסיעס ווערט בעשלאסען איבערצוגעבען אויסצוארבייטען דעם בודזשעט די נייע פערוואלטונג. מען טרעט דאן צו, צו די וואהלען און מיט אמערהייט שטימען ווערען אויסגעוועהלט די ה״ה: פסח ראָזען, לייביל ציטרינבוים, נתן צוקערמאן, אהרן קליינמאן, יענקל לעהרער, יעקב בורשטיין, שמואל חיים ניימאן, אייזיק טשעמנע, פנחס חיט, חיים דוד דזענטשאל, אהרן גאסטראזעוויץ, דוד גאסטמאן.

רעוויזיאנס קאָמיסיע: ה׳ יונה ניי. שמואל משה לייבאָוויטש. משה צוקערמאן.

קאנדידאטען: ה״ה. משה פליכטעגרייך, פנחס סלאָדזיאן.

נאך א קורצע שלוס רעדע פון פאָרז. וועלכע ווענדעט זיך מיט א הייסען אפעל צו דער גאנצע יודישע בעפעלקערונג מיט צו העלפען די פערוואלטונג אין איהר ארבייט, ווערט די פערזאמלונג ארום 1 באנאכט געשלאסען.—

— דעם 10-טען ה. ח איז פארגעקומען די קאָנסטיטואירענדע זיצונג פון דער ניי-אויסגעוועהלטער פערוואלטונג, אויף וועלכער ה׳ פסח ראזען איז אויסגעוועהלט געווארען אלס פאָרזיצער, אלס וויצע — די ה״ה יונתן צוקערמאן און לייביל ציטרינבוים, קאסיר— ה׳ דוד גאסטמאן, וויצע-קאסיר — ה׳ יעקב לעהרער און אלס סעקרעטאר ה׳ אהרן גאסטהארזעוויטש.

—. פאר פסח איז דאָ ערהאלטען געווארען פון אַמעריקע 500 דאָלאַר אויפ׳ן נאָמען פון פאָלגענדע פערזאָנען.

י. טענענבוים (פרעזעס) אהרן קליינמאַן (אגודה) ד. בורשטיין (אונפ). מ. הארטמאן (בונד) ש. רובינשטיין (בונד) מאגשפייער (האנד.) י. ז. לערמאן (האנדווערקער) מ, טשעמנא (פ.צ.) פלאמאן (אונפ) מ. העפטמאן. (מזרחי).

דער קאמיטעט האט דערהאלטען ביי 500 ביטעס אויף שטיצע.

בן-עיר.

1) פ י ע ר ס ד ר י ם.

(א י י נ ד ר י ק ע ן פ ו ן ד י ס ד ר י ם א י ן ע ז ר ת י ת ו מ י ם, ב י י ד י ז ע ל נ ע ר, א י ן ק ר י מ י נ א ל און פון מושב זקנים)

ברוך המקום, ברוך הוא, ברוך שנתן תורה לעמו ישראל, ברוך הוא כנגד ארבעה בנים דברה תורה. אחד יתום אחד חייל אחד נאסר ואחד זקן. דאס איז געווען מיין צווייטער נוסח ביים צווייטען סדר... צוויי מאל האב איך דעם כוס אין האנד גענומען, און ביידע נוסחאות מיט גרויס פונה און הארצקייט געזאָגט...

* * *

ניין טעג האב איך געזוכט און געגישטערט, שטודירט און געפארשט די צערמאניאלע געזעצען פון פיעל פעלקער, רעליגיעס, און סעקטען, און כ׳האב נישט געפונען אַזא פאטריאכאלישען סדר פון וועלכען ס׳זאל אזוי בולט ליגען אויפן טיש — אויב מען קאן זיך אזוי אויסדריקען — דער גאנצער צער און שמחה פון דער אומה... כהאב געזוכט און כ׳האָב אפילו ביי אונז יודען זיין גלייכען אויך נישט געפונען, אַ חוץ די צוויי סדרים וועלכע שטעלען מיט זיך פאָר דעם ים פון ליידען וועלכער איז אזוי לאנג, ווי לאנג ס׳איז אונזער געשיכטע, און וואס ס׳שפרודעלט אַ קוואל שמחה און האָפנונג...

איך ווייס פון אַ „ושמחת בחגך“... איך ווייס פון אַ „ועניתם את נפשותיכם“... איך בין אבער בלויז דערגאנגען פון צוויי יום-טוב-נעכט, וועלכע שטעלען מיט זיך פאָר די גאנצע טראגעדיע פונם אייביג ליידענדען פאָלק׳ און גלייכצייטיג די אינערליכע שמחה און די טיעף פערווארצעלטע האפנונג פון דער כנסת-ישראל, און דאס זענען די צוויי סדרים...

איך בין אבער צו נאך אַ איבערצייגונג געקומען, אז פון אלע שיכטען פון דער כנסת ישראל, פיהלט זיך אַמ׳בולט׳סטען דער צער צוזאמען מיט דער שמחה ביי די נייע ארבעה בנים, וועלכע געפונען זיך אינם אויבענדערמאנטען נוסח פון ברוך המקום, ברוך הוא...

א ח ד י ת ו ם

דער וואס האָט נישט בייגעוואוינט די סדרים אין עזרת יתומים“ דעם איז אונמעגליך צו פיהלען דעם צער און שמחה, בעסער געזאָגט, דעם ריכטיגען פירוש פון גאנצען צערמאניאלען סדר....

קליינינקע קינדער, בעשיידענע יתומים, ווערען מיט איינמאָל אין גרויסע מענשען פערוואַנדעלט, זיצען ארום אַ לאנגען טיש און פראוועז אָ סדר... צער, פיעל יתומים געדענקען נאך זיצענדיג ביי זייער טאַטע-מאמעס טיש, וואו עס איז געוועז גוט און שעהן, חאטש אזוי פיעל האט מען נישט געקאָכט... און אזוי שעהן איז מען נישט געגאנגען אנגעטהון... דאך האט מען זיך מצהר געפרעהט מעהר געהולעט, ס׳האט פון גאָר נישט געפעהלט, טאטע מאמע איז געוועזן איז אַלץ געוועזן, מיר זענען אמאָל קינדער געוועזן, היינט זעען מיר יתומים“... שמחה וואָס פעלט אונז? מענשען אינטערעסירען זיך מיט אונז, מענשען זאָרגען פאַר אונז, מיר האָבען פון אלעם גוטען, סאיז אונז גוט, און מיר ווילען אזוי לאַנג ווי מיר וועלן לעבען נישט ערגער“...

א ח ד ח י י ל

דער יתום איז מעהר עלענדער ווי דער זעלנער, דערפאר איז אָבער דער זעלנער מעהר פערפרעמט און אָבגעזונדערט פון יודען. א גאנץ יאָהר פיהלט ער עס גאר נישט, זונקט ער אין תהום פון וואָכעדיגקייט, ר׳איז פערנומען מיט זיינע זעלנערישע בעשעפטיגונג בעמערקט ער עס גאָר נישט; מיט איינמאָל נעמט מען איהם ארויס, פון אזא וואָכעדיגען תהום און מ׳זעצט איהם ביי א לאנגען יום טוב׳דיגען סדר-טיש, זיין הארץ ווערט איהם געפרעסט פון אַ אינערליכען שמערץ, פסח צום סדר ביי פרעמדע טישען... ער דערמאנט זיך ווי זיינע עלטערן פראוועז יעצט דעם סדר און זייער הארץ נאָגט אויך ווי ביי איהם... דאָס איז א בעהאַלטענער צער, וועלכער קעמפפט מיט׳ן שמחת-יום-טוב... די זעלנער, וועלכע אַ גאנצע יאָהר בעדיענען זיי אַ צווייטען, און זענען אזוי געהאָרכזאַם ביים דיענסט, ווערען יעצט בעדיענט פון בני מלכים... זייער פערלאנג ווערט מאָמענטאַל דערפילט מיטן גרעסטען יראַת-הכבוד און דאָס דערהייבט דעם דערשלאָגענעם זעלנער צו א העכערער שטופע פון זעלבסטווירדע און אונבעגרענצטער שמחה,

הארכיון היהודי